# דער יִידישער טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר יִידיש-לערנערס

Published by
the Association for
Yiddish Studies
in France
and
the Medem Library

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
יִידיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 2, נומער 5 (9)

אייר תשנ״ז / מײַ 1997


# וויסנשאַפֿט...
# אָדער פֿאַנטאַזיע

הערט נאָר אַ ביסל אַ מעשׂה, אַ טשיקאַוועס[1] ! שטעלט אײַך פֿאָר אַז אַן אירלענדישן פֿאָרשער, אַ ביאָלאָג, איז געלונגען[2] צו באַשאַפֿן אַ שעפּסל אָן דער הילף פֿון אַ באַראַן[3]. אַזאַ בריאה[4] רופֿט מען אַ „קלאָן". דער פֿאָרשער האָט עס געגעבן אַ נאָמען „דאָלי" : העלאָ דאָלי !

נישט לאַנג צוריק וואָלט מען טאַקע געמיינט אַז דאָס איז אַ חלום[5], אַ וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַנטאַזיע. איצט איז עס באמת[6] אַווירקלעכקייט. אויף פֿיר פֿיס. עס איז אָבער וויכטיק צו זאָגן אַז מיט אַזאַ מיטל קענען דערוואַקסענע דערוויַיל געבוירן ווערן נאָר נקבֿות[7]. דאָלי איז טאַקע אַ „זי", גאָר אין גאַנצן די מאַמע מיט די ביינער[8] ! זי מעקעט[9] אַפֿילו[10] ווי די מאַמע. אין גאַנצן געראָטן[11] אין איר. אַ ממשות[12].

אָבער לאָמיר פֿאַנטאַזירן אַ ביסל. מיט דאָלי זיַינען מיר שוין





אויף אָט
דעם וועג, און
פֿאַרוואָס נישט,
אפֿשר וועלן די פֿאָרשערס
אין אַ נאָענטער צוקונפֿט אַזוי
טאָן אַז די פֿרויען זאָלן קענען
קינדלען אָן אַ זכר[13] ?



אָבער אַז מע טראַכט אַריַין, וועט אויב אַזוי נאָר דער מין-נקבֿה[14] בלײַבן אויף דער וועלט. די פֿראַגע איז ווי אַ ביין אין האַלדז[15] ! אָן מענער וועט דאָס לעבן נישט זיַין קיין לעבן. אומפּיקאַנט, אָן אינטערעס ! ווּ וועט זיַין דער טעם גן-עדן[16] ? ניין, מוחל[17], זאָלן די פֿאָרשערס זיך אָפּרוען אַ ביסל, זאָלן זיי זיך שפּילן מיט דער שיינער דאָלי אין פֿעלד.

1. curiosity; 2. succeeded; 3. ram; 4. BRIE creature; 5. KHOLEM dream; 6. BEEMES truly; 7. NEKEYVES females; 8. *express*. spitting image; 9. bleat; 10. AFILE even; 11. takes after; 12. MAMOSHES reality; 13. ZOKHER male; 14. MIN-NEKEYVE female sex; 15. *express*. like a thorn in one's side; 16. TAM GAN-EYDN taste of Paradise; 17. MOYKhL pardon ; ניין, מוחל no, thanks.

# אייגן בלוט און טינט

### די אויסשטעלונג וועגן דער יִידישער פּרעסע, אָרגאַניזירט דורך דער מעדעם-ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפֿאָלג.

אין פֿעברואַר האָט מען אין דער מעדעם-ביבליאָטעק געקענט באַזוכן די אויסשטעלונג *אייגן בלוט און טינט - צײַט און צײַטונגען. 100 יאָר יִדישע פּרעסע אין פֿראַנקרײַך*. און מע האָט טאַקע באַזוכט - אין משך[1] פֿון דרײַ וואָכן זענען געקומען איבער צוויי טויזנט מענטשן.

די אויסשטעלונג נעמט אַרום מער ווי די צײַט און אָרט אויף וועלכע מע האָט זיך געקענט ריכטן[2] לויט דעם טיטל. אויף צוואַנציק טאָוולען (מיט זייער אַ געלונגענער גראַפֿישער קאָנצעפּציע פֿון מרים בויער) ווערן פֿאָרגעשטעלט די וויכטיקסטע שטאַפּלען[3] אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יִדיש-פּרעסע אויף דער וועלט. עס הייבט זיך אָן מיט דער ערשטער צײַטשריפֿט אין יִדיש (*קוראַנטן*) דערשינען אין אַמסטערדאַם אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט. ווײַטער ווערן דערמאָנט די גרויסע צײַטונגען : *פֿאָרווערטס* פֿון ניו-יאָרק (רעדאַגירט פֿון אייב קאַהאַן), *הײַנט* און *מאָמענט* פֿון וואַרשע. נאָך דעם גייט וועגן דעם אויפֿבלי[4] (פֿון אָנהייב פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָן) און דעם אונטערגאַנג[5] (אין די לעצטע יאָרן) פֿון דער יִדישער פּרעסע אין פֿראַנקרײַך. די לעצטע טייל פֿאַרנעמט, פֿאַרשטייט זיך, דאָס גרעסטע פּלאַץ, און נעמט אַרײַן די פּרעסע פֿאַר דער מלחמה (מיט דעם *פּאַריזער הײַנט* און דער קאָמוניסטישער *נײַע פּרעסע* בראש[6]), די אונטערערדישע פּרעסע בשעת[7] דער דײַטשער אָקופּאַציע און דעם נאָכמלחמדיקן ווידעראויפֿקום[8] פֿון דער יִדישער פּרעסע, מיט די דרײַ וויכטיקסטע צײַטונגען - בונדישער *אונדזער שטימע*, קאָמוניסטישער *נײַע פּרעסע* און ציוניסטישן *אונדזער וואָרט*, ווי אויך מיט אומצאָליקע[9] פּראָפֿעסיאָנעלע, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע צײַטשריפֿטן, וואָס הײַנט איז פֿון זיי געבליבן בלויז איינע - די רעליגיעז-ציוניסטישע חודש-שריפֿט[10] *אונדזער וועג*. מיט אַ יאָר צוריק האָט אַ גרופּע זשורנאַליסטן און כּלל-טוערס[11] פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש-שריפֿט, *יִדישע העפֿטן*.

עס האָבן באַגלייט די אויסשטעלונג אַ ריי רעפֿעראַטן אויף פֿאַרשיידענע טעמעס ווי למשל וועגן דער פּרעסע בײַ יִדן אויף דער גאַנצער וועלט, וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דעם צײַטונג-לשון צי וועגן דער יִדישער פּרעסע אין פֿראַנקרײַך בעת[12] דער מלחמה.

ווער עס האָט נאָך נישט געזען די אויסשטעלונג, וועט האָבן די מעגלעכקייט זי צו באַקוקן אויפֿן יִדיש יום-טובֿ דעם 29סטן יוני אין דער קאַרטושערי דע ווענסען[13].

1. MESHEKH אין משך פֿון for a period of; 2. expect; 3. phases; 4. growth; 5. decline; 6. BERO'sh in first place; 7. BESHA's during; 8. rebirth; 9. innumerable; 10. KHOYDESH-... monthly magazine; 11. KLAL-... those active in community life; 12. BEYS during; 13. Cartoucherie: theater complex in the Bois de Vincennes

# חיים קערבער (1909 - 1994)

**מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געשטאָרבן חיים קערבער, אַ כּלל-טוער[1] און קולטור-טרעגער, אַ גוט באַקאַנטע פּערזענלעכקייט פֿון ייִדישן פּאַריז. זייַן טאָכטער, אַ תּלמידה פֿון די ייִדישקורסן, האָט געשריבן אַן אַרטיקל לזכר[2] איר טאַטן.**

מייַן טאַטע, חיים קערבער, איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל גאָמבין אין פּוילן אין 1909.

אין חדר האָט ער זיך געלערנט חומש[3], אין אַ ייִדישער גימנאַזיע אין פּלאָצק האָט ער באַקומען דעם באַקאַלאַווראַט[4]. נאָך דעם אַפֿילו ווען ער וואָלט געוואָלט גיין אין אוניווערסיטעט, וואָלט ער נישט געקענט - עס איז געווען אַ נומערוס-קלאַוזוס[5] פֿאַר ייִדן. אויסער דעם איז מייַן טאַטע געווען אַ טראָצקיסט און דעמאָלט איז אין פּוילן געווען געפֿערלעך צו זייַן אַ קאָמוניסט און אַ סך פֿון זייַנע חבֿרים[6] זענען געזעסן אין תּפֿיסה[7]. ער איז געווען אַ יונגער טוער און איז געפֿאָרן פֿון שטעטל צו שטאָט צו האַלטן רעדעס פֿאַר דער ייִדישער יוגנט. אין לאָדזש האָט ער זיך אייַנגעליבט אין מייַן מאַמען, שׂרה.

אין 1929 איז מייַן טאַטע אָנגעקומען אין פּאַריז. צום ערשטן האָט ער זיך געלערנט די פֿראַנצייזישע שפּראַך. צו פֿאַרדינען אויף פּרנסה[8] האָט ער געגעבן עספּעראַנטאָ[9]-לעקציעס (די שפּראַך האָט ער זיך געהאַט געלערנט אין פּוילן) און געאַרבעט בייַ פֿאַרשיידענע מלאכות[10]. נאָך דעם איז ער געפֿאָרן אין קאַן[11] שטודירן יורי[12]. מייַן מאַמע איז אויך געקומען קיין פּאַריז. זי האָט אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין און אין 1932 האָבן זיי חתונה געהאַט. צוערשט איז מייַן טאַטע געווען אַ בוכהאַלטער און נאָך דעם אַ יורידישער יועץ[13]. דעמאָלט האָט ער זיך אַ סך פֿאַרנומען מיט ייִדן וואָס זענען אָקערשט[14] אָנגעקומען אין פּאַריז און וואָס האָבן נישט געקענט רעדן און נישט שרייַבן אויף פֿראַנצייזיש. חיים קערבער האָט זיי געהאָלפֿן לייענען און אויספֿילן זייערע פּאַפּירן, מייַנסטנס אָן געלט. אַזוי איז געווען מייַן טאַטע, אַן איבער-געגעבענער[15] מענטש.

דערנאָך איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה. קורץ נאָך דעם איז די געשטאַפּאָ געקומען צו אַרעסטירן מייַן טאַטן אַלס ייִד און אויך אַלס טראָצקיסט. ער האָט געהאַט מזל, זיי האָבן אים נישט געפֿונען, אָבער אַ חבֿר זייַנער, אַ שכן[16] איז אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן. מייַנע טאַטע-מאַמע פֿאָרן אַוועק פֿון פּאַריז, זיי לאָזן זיך מאַכן פֿאַלשע פּאַפּירן, און מיט מזל קומען זיי אָן אין



געצייכנט דורך פּיער מערל

דער פֿרייַער זאָנע. מייַן טאַטע טרעט אַרייַן אין ווידערשטאַנד[17], ווערט אַ פּאַרטיזאַנער און נאָך דעם ווערט ער דער קאָמענדאַנט שאַרל[18]. פֿאַר דער מלחמה האָט ער געהאָלפֿן זיך באַזעצן אין פֿראַנקרייַך פֿיר שוועסטער און זייַן ברודער וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה. אָבער זייַנע טאַטע-מאַמע און די ייִנגסטע שוועסטער וואָס זענען געבליבן אין פּוילן זענען אומגעקומען, ווי אויך מייַן מאַמעס גאַנצע משפּחה.

נאָך דער מלחמה האָבן זיך אָנגעהויבן דער טרויער און די אימה[20] ווען מען איז געוואָר געוואָרן[20] פֿון דעם חורבן[21]. איך דערמאָן זיך די ייִדישע ביכער וואָס מייַן טאַטע האָט געלייענט און די שרעקלעכע בילדער אין די דאָזיקע ביכער. ווי אַלע ייִדן האָבן מייַנע טאַטע-מאַמע זייער פֿיל געליטן אָבער זיי האָבן געהאַט דעם מוט אָנצוהייבן פֿון ס'נייַ. זיי האָבן אַרייַנגענומען צו זיך אַהיים אַ סך ייִדן וואָס זייַנען געקומען פֿון פּוילן.

צוביסלעך האָט זיך דאָס לעבן אייַנגעאָרדנט. מייַן טאַטע איז מצליח[22] אינעם האַנדל מיט אומבאַוועגלעכן פֿאַרמעג[23]. ער ווערט אַ ציוניסט און העלפֿט מדינת-ישׂראל.

מייַן טאַטע האָט תּמיד געלייענט אַ סך, אי אויף העברעיִש אי אויף ייִדיש און פֿראַנצייזיש. פֿאַר מייַן טאַטן איז קולטור געווען זייער וויכטיק און איבערהויפּט ייִדישע קולטור. חיים קערבער האָט געהאָלפֿן אַרויסגעבן ביכער פֿון אַ סך פּאַריזער ייִדישע שרייַבערס : *דער תּלמוד און זייַנע פּערזענלעכקייטן* פֿון דוד מלכּי[24], *בעל-שם-טובֿ מאָטיוון און אַנדערע דערציילונגען* פֿון אבֿרהם ווייץ אין 1977, *בעלאַ שאַפּיראָ* פֿון משה זאַלצמאַן, און אויך ביכער פֿון לילי בערגער. אַלע זאָגן אַז חיים קערבער איז געווען אַ חשובֿער[25] קולטור-עסקן[26].

אין ישׂראל אין 1982 האָט ער געהאָלפֿן דעם שרייַבער ק.צעטניק[27], באַקאַנט מיט

(סוף זייַט 4)

1. KLAL-... S.O. active in the Jewish community; 2. LEZEYKhER in memory of; 3. KhUMESh Pentateuch; 4. Baccalaureate (diploma of secondary studies); 5. quota; 6. KhAVEYRIM friends (*Pl. of* חבֿר KhAVER); 7. TFISE prison; 8. PARNOSE living; 9. Esperanto: artificial language created by Polish Jewish philologist L. L. Zamenhof in 1887; 10. MELOKhES trades; 11. Caen; 12. law; 13. YOYETS adviser; 14. recently; 15. devoted; 16. ShOKhN neighbor; 17. Resistance; 18. Cmdt. Charles, his *nom de guerre*; 19. EYME horror; 20. became aware; 21. KhURBN Shoah; 22. MATSLIAKh מצליח זייַן succeed; 23. real estate; 24. MALKI; 25. KhOShEVER distinguished, important; 26. ...-ASKN S.O. active in cultural activities; 27. KATSETNIK

# אַ זײַט ליטעראַטור פֿאַר אָנהייבערס

***י.י. סיגאַל איז באַקאַנט[1] ווי דער פּאָעט פֿון פּשוטע[2] מענטשן און פֿון טאָגטעגלעכן[3] לעבן. דערפֿאַר[4] פּאַסט[5] ער זייער גוט פֿאַר אָנהייבערס. אַ לערער אין די ייִדישע שולן און אַ שרײַבער פֿון קינדערלידער, וואָלט ער געוועזן צופֿרידן צו זען זײַנע לידער ווידער געדרוקט[6] אין אַ צײַטשריפֿט פֿאַר ייִדיש-לערנערס.***

יצחק יעקבֿ[7] סיגאַל איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל אין אוקראַיִנע אין 1896, אין אַ למדנישער[8] נאָר אַן אָרעמער משפּחה[9]. אין 1911 איז ער אַוועק קיין קאַנאַדע, וווּ ער האָט געלעבט (אַ חוץ[10] אַ פּאָר יאָר אין ניו-יאָרק) זײַן גאַנץ לעבן. ער האָט אין אָנהייב געאַרבעט ווי אַ שנײַדער, נאָך דעם ווי אַ לערער אין די ייִדישע פֿאָלקשולן.

קינדווײַז[11] האָט ער געשריבן לידער אויף רוסיש און העברעיִש, שפּעטער איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף ייִדיש. ער האָט געשריבן פֿאַרשיידענע[12] לידער, עסייען און ליטעראַרישע קריטיק. צו 20 יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן ערשטן באַנד[13] לידער, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק[14]. זײַן בוך *לידער און לויבן*[15] (1945) האָט באַקומען די לאַמעד-פּרעמיע, דעמאָלט[16] אַ וויכטיקער[17] פּרײַז אויף דער ייִדישער גאַס[18]. ווען ער איז געשטאָרבן אין 1954, אין פֿריִען עלטער[19] פֿון 58 יאָר, זײַנען אַרויס ליב-אַרטיקלען וועגן זײַנע ווערק אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון דער גאַנצער וועלט.

1. known; 2. POSHETE simple; 3. everyday; 4. therefore; 5. is suitable; 6. printed; 7. YITSKHOK YANKEV; 8. LAMDONISHER learned (*dative case*); 9. MISHPOKHE family; 10. AKHUTS except for; 11. as a child; 12. various; 13. volume; 14. impression; 15. praises; 16. at that time; 17. important; 18. *express.* in Jewish society; 19. at an early age

# אַ בחור[1] מיט אַ נאָז

ווּ איז דער בחור
מיט דער לאַנגער נאָז ?
ער האָט זיך געלאָזן[2]
דעריאָגן[3] אַ האָז[4].

דער האָז איז געלאָפֿן
און ער נאָכן האָז,
און פֿאָרויס איז געלאָפֿן
זײַן לאַנג-לאַנגע נאָז.



און לענגער, אַלץ לענגער
איז געוואָרן די נאָז,
און געלאָפֿן אַזוי ווי
אַ שלאַנג[5] נאָך אַ האָז.

און דער האָז איז אַרײַן
ווײַט אין טיפֿ-טיפֿן[6] גראָז[7]
און דער בחור איז געבליבן
מיט אַ לאַנגער נאָז.

1. BOKHER boy; 2. gone off; 3. run after; 4. hare; 5. snake; 6. טיף deep, *here:* very tall; 7. grass

---

# גראַמען[1]

זײַנען געגאַנגען
צוויי לײַטישע[2] גראַמען,
אַזוי ווי די הענער[3]
מיט גאָלדענע קאַמען[4].
זיי זײַנען געגאַנגען
טריט בײַ טריט
זוכן אַ ווױנונג[5]
פֿאַר זיך אין אַ ליד.

און ווי נאָר זיי זײַנען
מיט מי[6] אָנגעקומען,
האָט מען זיי זייער
נישט פֿײַן אָנגענומען[7].
מען האָט זיי געזאָגט
אַז די הײַנטיקע לידער
זײַנען מיט גראַמען
שוין לאַנג קידער-ווידער[8].

נאָר איין מאָל פֿאַרנאַכט
האָבן די גראַמען געטראָפֿן[9]
צו אַ בחורל[10] וואָס מאַכט
קינדערישע סטראָפֿן ;

האָט ער זיי גענומען
ווי זיי שטייען און גייען[11]
צו צווייען,
צו צווייען.
זיי האָבן מיט זייערע
גלעקלעך[12] געקלונגען[13]
און קינדערלעך האָבן
צום גראַם געזונגען.
אַ גראַמל אַרײַן
אַ גראַמל אַרויס
די מעשׂה[14] איז אויס[15].

1. rhymes; 2. proper, respectable; 3.roosters (*sing.* דער האָן); 4. comb; 5. lodging; 6. effort, trouble; 7. gave a poor welcome; 8. *express.* : on bad terms ; 9. chanced upon; 10. BOKHERL *dim.of* בחור young boy; 11. *express.* just as they are; 12. bells *dim.of* דער גלאָק; 13. rang; 14. MAYSE story; 15.*here* : done

# אַן אַדיעקטיוו-שפּיל

יעדע שפּראַך האָט אירע אויסדרוקן. אויף פֿראַנצייזיש זאָגט מען „שיין ווי אַ האַרץ“ , אויף ענגליש „שיין ווי אַ בילד“ , אויף שפּאַניש „שיין ווי די זון“ . ווי זאָגט מען אויף ייִדיש ?

1. שיין ווי ...
2. ביטער ווי ...
3. ווייך ווי ...
4. שיכּור[1] ווי ...
5. מיאוס[2] ווי ...
6. לאַנג ווי ...
7. גוט ווי ...
8. שוואַרץ ווי ...
9. ווייך[3] ווי ...
10. קלוג ווי ...
11. ריין ווי ...
12. קלאָר ווי ...

א. אַ טעלער
ב. די וועלט
ג. גאָלד
ד. וואַסער
ה. פּעך[4]
ו. גאַל
ז. דער ייִדישער גלות[5]
ח. דער טאָג
ט. לוט[6]
י. פּוטער
כ. קורח[7]
ל. דער טויט



1. SHIKER drunk; 2. MIES ugly; 3. soft; 4. tar; 5. GOLES exile; 6. LOT Lot (nephew of Abraham); 7. KOYREKH Korah (Biblical character)

(המשך פֿון „חיים קערבער“)

*דאָס הויז פֿון די ליאַלקעס* אַרויסצוגעבן דאָס בוך *די שבֿועה*[28]. צוויי פֿון זײַנע פֿרײַנד, וואָס ער האָט זיי געהאָלפֿן, האָבן אין 1975 באַקומען דעם מאַנגער-פּרײַז : פּראָפֿעסאָר רפֿאל[29] מאַהלער (אַ היסטאָריקער אין תּל-אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט) און די דיכטערין רייזל זשיכלינסקי.

ער האָט געשטיצט די ייִדישע ביבליאָטעק אין תּל-אָבֿיבֿ און האָט באַשטעלט פֿון דאָרטן אַ סך ביכער.

מײַן טאַטע איז געווען באַשיידן[30] און וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר די אַנדערע מענטשן איז געווען מיט זײַן ווײַבס צושטימונג.

חיים קערבער האָט אויך געהאָלפֿן דער ייִדישער פּרעסע, דער פּעריאָדישער שריפֿט *ייִדישקייט*. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטשריפֿט *פּאַריזער העפֿטן*. ער האָט אַבאָנירט די ניו-יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* און דאָס פּאַריזער *אונדזער וואָרט* וואָס ער האָט געלייענט ביז זײַן טויט אין 1994.

מײַנע טאַטע-מאַמע זענען מער נישטאָ. די צײַטונג *אונדזער וואָרט* האָט אויפֿגעהערט אַרויסצוגיין. אַ דור איז כּמעט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, אַ דור, וואָס זײַן מאַמע-לשון איז געווען ייִדיש. מײַן טאַטנס ביכער זענען אין דער מעדעם-ביבליאָטעק און דער אוצר[31] פֿון דער ייִדישער קולטור איז אין זיי באַהאַלטן.

*ברוניד קערבער*

28. SHVUE oath; 29. REFOEL; 30. modest; 31. OYTSER treasure.





AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם-ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr


וועגן דער מעדעם-ביבליאָטעק, געפֿײַ״ל און דעם טעם-טעם אויף אינטערנעט :
http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm